# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** די לעצטער צוויי וואכען האבן מיר דערציילט ווי א איד וואס הייסט אברהם איז אמאל געגאנגען צו דעם בבא סלי וואס האט געזען מיט א בחינה פון רוח הקודש אז אברהם וועט איין טאג זיין אין סוריה. אברהם איז נתפעל געווארן פון דעם בבא סלי׳ס ווערטער, ווייל אברהם האט נישט דערציילט פאר קיינעם וואס ער טוט אין א״י, און אויב אזוי, ווי אזוי האט דער בבא סלי געוואוסט אז ער וועט זיין איין טאג אין סוריה? אברהם איז נאך מער נתפעל געווארן דעם נעקסטען טאג נאך זיין פגישה מיטן בבא סלי, ווען דער גוי דזשאן מיט וועמען ער האט געארבעט אין דעם סטעיט דעפארטמענט האט אים מודיע געווען אז זיי פארן קיין סוריה. דאן איז אברהם ערשטוינט געווארן צו טרעפן אן אראבער וואס האט עדות געגעבן וועגן א געוויסען מאן פון א פרוי וואס דער בבא סלי האט דערמאנט וועגן איר זיין א עגונה. דאן איז אברהם פלוצלינג אהיימגעפארן קיין אמעריקע וואו ער האט געפרעגט א שאלה ביי עטליכע גדולים, וואס האבן מתיר געווען די עגונה. עד כאן המעשה. לאמיר יעצט ענדיגען סוף כל סוף די וואונדערליכע מעשה וואס ווייזט די פונקטליכע השגחה פרטית מיט וואס דער אייבערשטער פירט זיינע אידישע קינדער.

אזוי ווי מען האט פריער דערציילט, מרס. דאאדבא איז אנטלויפן פון סוריה. זי איז אנטלויפן מיט אירע צוויי קליינע קינדער. ליידער, זענען אירע צוויי גרויסע קינדער, א דרייצן יעריגע מיידל מיט א צוועלף יעריגע יונגעל, געבליבן אין סוריה. ווייל זיי האבן געדארפט אנטלויפן מיט איר מאן. אבער, איר מאן איז נעבאך געכאפט געווארן בשעת ער האט פרובירט צו אריבערגיין די גרעניץ, און ער איז נעבאך שפעטער געהרגעט געווארן. די קינדער זענען געבליבן דארט אין סוריה מיט די משפחה.

אפילו אז מרס. דאאדבא איז ב״ה אנטלויפן פון דארט, האט זי באצאלט א הויכען פרייז, ווייל בשעת זי איז אריבערגעגאנגען די גרעניץ האט זי נעבאך באקומען א קויל אין איר ריקען, ווען די אראבער ימ״ש האבן איר געשאסן. די דאקטוירים האבן מורא געהאט ארויסצונעמען דעם קויל, וואס איז געליגען אין א געפערליכע פלאץ לעבן דעם ריקען ביין, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. דערפאר איז מרס. דאאדבא געבליבן אין שפיטאל אין א״י, וואו זי האט פרובירט אויסצורוהן און אויסגעהיילט ווערן פון די שרעקליכע פאסירונגען.

אברהם האט געהאלטן א קשר מיט דער דאאדבא משפחה. ער האט געשפירט א שטיקל אחריות צו העלפן דער משפחה, וויבאלד אז דער בבא סלי האט אים מזמין געווען די מצוה. ווען אברהם איז געוואר געווארן וועגן מרס. דאאדבא׳ס מצב אין שפיטאל, האט ער גלייך מציע געווען זיין הילף פאר איר. ״אפשר... זיי וועלן אייך קענען העלפן אין אמעריקע?״ האט ער געזאגט פאר איר. אברהם האט געזאגט ווייטער פאר איר אז אויב זי וויל איין טאג קומען קיין אמעריקע כדי צו אפערירן, שטייט ער גרייט איר קומען צו הילף.

אין תשל״ח, האט מרס. דאאדבא זיך מיישב געווען אז זי וויל פארן קיין אמעריקע צו מאכן אן אפעראציע צו ארויסנעמען דעם קויל וואס איז געבליבן אין איר ריקען. דעמאלט איז דאס גיין שווער געגאנגען פאר מרס. דאאדבא, און זיי האט געדארפט גיין מיט קראטשעס. אברהם האט גלייך געמאכט אן אפוינטמענט מיט א חשובען סורדזשען.

דער דאקטאר איז נישט געווען אזוי פאזעטיוו. ער האט געזאגט פאר אברהם אז זיי קענען ארויסנעמען דעם קויל, אבער עס איז דא א גוטע טשענס אז זי וועט ווערן אינגאנצען פאראליזירט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. דער דאקטאר האט גערעכענט אז זיי האבן איין טשענס אין א טויזענט צו מצליח זיין. נישט נאר דאס אבער, די אפעראציע וועט קאסטן $40,000, געלט וואס סיי נישט אברהם און סיי נישט מרס. דאאדבא האט געהאט. ב״ה, אז אברהם האט געקענט א אידישע דאקטאר וואס האט מסכים געווען צו טון די אפעראציע בחינם.

נאכדעם האט אברהם אלעס דורכגעשמועסט מיט מרס. דאאדבא. זי האט געוואלט מאכן די אפעראציע, אפילו דאס טשענס צו מצליח זיין איז געווען אזוי קליין, אבער, זי האט געהאט איין תנאי, זי האט געוואלט זען איר צוויי קינדער וואס זי האט איבערגעלאזט אין סוריה, ווייל זי האט מורא געהאט אז טאמער ח״ו די אפעראציע וועט נישט מצליח זיין, וועט זי ח״ו נישט קענען זען אירע קינדער נאכאמאל אין איר לעבן.

אברהם האט נישט געגלייבט אז עס וועט זיין מעגליך צו ערלעדיגען ברענגען די קינדער ארויס פון סוריה, ווייל דעמאלט האט אמעריקע שוין נישט געהאט קיין אפיציעלע קשרים מיט סוריה, אזוי ווי זיי האבן געהאט פריער ווען אברהם איז געווען אין א״י. אבער, גארנישט האט צוריקגעהאלטן אברהם, און ער האט באלד גענומען טון שדלנות פאר מרס. דאאדבא׳ס וועגן. נאך א שטיק צייט האט ער געזען אז זיין פראטעקציע מיט דעם סטעיט דעפארטמענט האט גארנישט אויפגעטון. דאן האט ער געהאט א פרישע עצה, ער האט געשיקט א בריוו צו דעם סוראישען אמבאסאדור צו דעם יונייטעד נעישאנס.

באלד דערנאך איז ער אראפגעזעצן מיט דעם סוראישען אמבאסאדור. הפלא פלא! ער האט מסכים געווען צו לאזן די קינדער קומען קיין אמעריקע פאר צוויי וואכן צו באזוכען זייער מאמע פאר די אפעראציע. דער סוראישער אמבאסאדור האט געהאט אבער צוויי תנאים, איינס, אז די קינדער זאלן נישט קומען ארויס פון סוריה קיין אמעריקע דורך א״י, וואס איז א פרעמדע לאנד פאר זיי. און צווייטענס, זאל מען אים געבען $75,000 אלס משכון, כדי צו פארזיכערען אז די צוויי קינדער זאלן צוריקגעשיקט ווערן. אברהם האט יעצט געהאט א פרישע פראבלעם, וואו צו פארשאפן אזא סכום געלט. ב״ה אז אברהם איז געגאנגען צו צוויי חסידישע רבים וואס האבןביידע געגעבן $36,000, און אברהם אליינס האט צוגעלייגט $3,000!

באלד דערנאך זענען די קינדער טאקע געקומען צו באזוכן זייער מאמע, וועמען זיי האבן נישט געזען מער ווי 5 יאר. נאך צוויי וואכן זענען די קינדער אהיימגעפארן, און אברהם האט באקומען צוריק דעם געלט. (נ.ב., אינטערעסאנט אז אברהם האט נישט געטראכט וועגן די מצוה פון פדיון שבוים, און נישט צוריקגעשיקט די קינדער. לכאורה, האט ער געפרעגט א שאלה.) ב״ה אז די אפעראציע האט מצליח געווען, און מרס. דאאדבא האט אנגעהויבן אירע רעהאביליטעישאן. זי האט געהאט א רפואה שלימה!

עטליכע חדשים שפעטער האט אברהם באקומען א קאל פון דעם סוראישען אמבאסאדור, וואס האט געהאט אינטערסאנטע נייעס פאר אברהם: אברהם׳ס ערליכקייט מיט האלטן זיין ווארט און צוריקשיקן די קינדער צייטליך האט געמאכט אזא שטארקען רושם אויף דער סוראישער רעגירונג, אז זיי האבן מחליט געווען צו לאזן די קינדער קומען וואוינען אין אמעריקע מיט זייער מאמע!

עטליכע יארן שפעטער איז די גאנצע דאאדבא משפחה געגאנגען וואוינען אין א״י. מרס. דאאדבא האט נאכאמאל חתונה געהאט און זי האט אנגעהויבן צו חתונה מאכן אירע קינדער. די זונס און איידעמער לערנען היינט אין כוללים אין א״י און אלע האבן ערליכע אידישע שטובער, ב״ה. די חסידישע רבים האבן נישט געוואלט דעמאלט צוריקנעמען דעם $72,000. דערפאר, האט אברהם עס אוועקגעלייגט פאר די דאאדבא משפחה, וואס האבן עס געדארפט עטליכע יארן שפעטער צו מאכן חתונות, וכו׳.

מען זעט פון דער מעשה ווי דער אייבערשטער פירט אונז מיט א באזונדערער השגחה פרטית. כדי די אידן זאלן מצליח זיין צו מקיים זיין די הייליגע תורה, טוט דער אייבערשטער אונז העלפן מיט השגחה פרטית. אלעס ווייזט אויף ווי שטארק דער אייבערשטער האט אונז ליב. אזוי ווי עס שטייט אין נביא, ״אהבתי אתכם אמר ה׳ וגו׳״ (מלאכי א,ב) די ענין איז אפשר מרומז אין די פרשה. חומש במדבר ווערט אנגערופן ״חומש הפקודים.״ זאגט דער הייליגער רש״י: ״מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה.״ ד״ה, דאס וואס מען זעט אז דער אייבערשטער ציילט די אידן כסדר, ווייזט אויף דער אייבערשטער׳ס שטארקע ליבשאפט פאר אונז. **גוט שבת אלע אידן.**